# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות נטילת ידים

### ענין נטילת ידים

**דאס** ענין פון נטילת ידים איז, ווייל אונזער עסן איז גלייך צו די עבודה וואס דער כהן האט געטאן אין בית המקדש. ווי עס איז באקאנט אז איידער דער כהן האט געוואלט אריין גיין אין בית המקדש, האט ער געמוזט זיך טובל'ן אין א מקוה, דערנאך איידער ווען ער האט געדארפט עפעס טוען האט ער צו ערשט געוואשן יידע הענט מיט יידע פיס צוזאמען פונ'ם האנט-פאס פון בית המקדש. אזוי אויך ווען א איד עסט זיין סעודה אויף אזא אופן ווי דער דרך התורה, איז דאס גלייך ווי ער איז מקריב א קרבן צו השם יתברך. זיין ריינער טיש, מיט די כשר'ע מאכלים מיט די פארכטיגע ברכות פאר יעדע מאכל, ווערט א מזבח וואס מען טוט די עבודה דערויף, וואס דארף זיין בקדשה וטהרה און מיט כונת הלב, אויב נישט, איז די עבודה פסול. דעריבער דארפן מיר עסן בקדשה וטהרה, אזויווי דער פסוק זאגט [שם י"ד כ"א] כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה - דו ביסט א הייליג פאלק. אויך זאגט די גמרא [חגיגה כ"ז.] אז אין אונזערע צייטן ווען מיר האבן שוין ליידער נישט דאס בית המקדש, איז דער טיש פון דעם מענטש מכפר, דעריבער דארף מען זיך וואשן די הענט איידער מען עסט ברויט, אזויווי די כהנים האבן זיך געוואשן די הענט פון דעם האנט-פאס.

**דער** ענין פון נטילת ידים פארן עסן איז כדי מטהר צו זיין די הענט, אין וועלכע עס איז נכלל אלעס וואס דער מענטש טוט. די הענט דארף מען דערהייבן צום הימל, כדי צו ציינגן דערמיט אז דער מענטש זאל נישט עסן בלויז כדי ער זאל הנאה האבן, נאר ער זאל אינזין האבן לשם שמים, און אויך כדי דער מענטש זאל וויסן אז ער זאל נישט אויף הייבן זיינע הענט אויסער ווען עס איז דער ווילן פון השם יתברך, סיי דורכ'ן עסן מיט די פשוט'ע כוונה צו באקומען כח צו דינען השם יתברך, אדער פאר דער וואס איז זוכה צו פארשטיין העכערע כונות פון עסן, מתקן צו זיין דעם חטא פון אדם הראשון וועלכע האט געגעסן פון דעם עץ הדעת בלויז צוליב זיין תאוה וואס האט זיך אים געשטארקט. **קרן אורה סוטה ד:**

**דאס** ענין פון וואשן די הענט פארן עסן און פון וואשן מים אחרונים איז א דבר שבקדשה, און אויב מען איז מקיל אין א דבר שבקדשה, איז מען אין הימל מקיל אין די יארן פון זיין לעבן.

**שו"ת מן השמים סי' נ"ז**

**דער** שבט מוסר ברענגט דעם צוואה פון רבי אליעזר הגדול צו זיין זוהן הורקנוס, ווי ער שרייבט אים ער זאל זיין געווארנט זיך צו וואשן צום עסן, ווייל דער וואס איז מזלזל אין נטילת ידים, דער איז מנודה צו השם יתברך, און האט נישט קיין חלק אין עולם הבא. **שבט מוסר פ' ט"ז**

### דער וועג ווי אזוי מען זאל זיך וואשן

**עס** איז גלייך מדקדק צו זיין זיך צו וואשן נטילת ידים אויף דעם פאלגנדן וועג כדי יוצא צו זיין אלע שיטות: דאס טעפל פון נטילת ידים זאל זיין גרויס, כדי עס זאל קענען האלטן אין זיך עטליכע מאל דעם שיעור פון רביעית. לכתחלה זאל דער טעפל האבן צוויי הענטלעך. מען ווישט אפ די צוויי הענטלעך, מען נעמט דעם טעפל מיט וואסער אין די רעכטע האנט, און מען דערלאנגט דאס צו די לינקע האנט. מיט די לינקע האנט גיסט מען אויף די רעכטע האנט, פון די שפיצן פינגער ביז צום סוף האנט, צוויי מאל א גאנצן שיעור רביעית [כדי אויך יוצא צו זיין די שיטה פון הראב"ד וואס

# מצות נטילת ידים

האלט אז אפילו מען האט זיך געוואשן פון א גאנצע רביעית זאל מען נאכאמאל איבער גיסן נאך א גאנצע רביעית]. די שפיצן פינגער דארפן זיין אביסל אויפגעהויבן און אויסגעשפרייט, כדי דאס וואסער זאל גיין אויף אלע זייטן. דערנאך זאל מען ארום נעמען די רעכטע האנט מיט א האנטוך, און מיט דעם האנטוך זאל מען אנכאפן די אויער פון די נטילת ידים טעפל, [ווייל אויב מען וואשט זיך נאר איינמאל ווערט דאס הענטל פון דעם טעפל טמא דורך די וואסער פון די נאסע רעכטע האנט] און גיסן אויף די לינקע האנט צוויי מאל א גאנצן רביעית. דערנאך נעמט מען אראפ דעם האנטוך פון די רעכטע האנט און מען רייבט צוזאמעןביידע הענט, און מען מאכט די ברכה על נטילת ידים ווען מען שטייט [ווייל ברכת המצוות זאגט מען שטייענדיג], דערנאך ווישט מען זיך אפ די הענט. בדיעבד מעג מען נאך זאגן די ברכה אינמיטן אפווישן די האנט.

**ליקוטי מהרי"ט אות ו' בשם ספרי קבלה**

**פארשידענע מנהגים פון צדיקים ווערן געברענגט אין די ספרים אויף דעם אופן און דעם סדר פון נטילת ידים.**

**שטייט** אין ספר דרכי חיים אז הרב הקדוש **מצאנז** זי"ע האט ערשט געוואשן דריי מאל אויף דעם אופן, איינמאל די רעכטע האנט, דערנאך די לינקע האנט, דערנאך נאכאמאל די רעכטע האנט, דערנאך די לינקע האנט, דערנאך די רעכטע האנט, און דערנאך די לינקע האנט. נאכדעם האט ער זיך געוואשן דריי מאל די רעכטע האנט, דערנאך דריי מאל די לינקע האנט, נאכדעם האט ער זיך געוואשן דריי מאל ביידע הענט אויף איינמאל, און די ברכה על נטילת ידים האט ער געזאגט איידער ער האט זיך אפגעווישט די הענט.

**דרכי חיים מנהגי צאנז עמוד ח"י אות ד'**

**ווען הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זצללה"ה** האט זיך געוואשן שבת צו די סעודה האט ער זיך קודם געוואשן צוויי מאל די רעכטע האנט, דערנאך צוויי מאל די לינקע האנט, און דערנאך איינמאל די רעכטע האנט, און איינמאל די לינקע האנט. דער מנהג איז אויסגעהאלטן סיי לויט די הלכה און סיי לויט קבלה.

**ליקוטי ש"ס עניני נטילת ידים אות ז'**

**כ"ק** מרן הגה"ק מסאטמאר זצוק"ל האט גענומען דעם טעפל אין זיין לינקע האנט און האט געגאסן פיל וואסער אויף זיין רעכטע האנט דריי מאל, דערנאך האט ער גענומען דעם האנטוך אין זיין רעכטע האנט און האט דערמיט אנגעכאפט דעם הענטל פון דעם טעפל, און האט געגאסן אויף זיין לינקע האנט דריי מאל. דערנאך האט ער געזאגט שְׂאוּ יְדֵכֶם קֹדֶשׁ וכו' וְאֶשָּׂא כַפַּי וכו', דערנאך האט ער געמאכט די ברכה און האט אויפגעהויבן ביידע הענט און זיי [משפשף] צוזאמען געריבן.

**זמירות דברי יואל**

**די** מנהגים פון כ"ק אדמורים פון מונקאטש זי"ע איז געווען אויף דעם סדר: דאס טעפל פון נטילת ידים איז געווען אנגעפולט ביז אויבן. דערנאך האבן זיי אפגעגאסן די רעכטע האנט, איינמאל די גאנצע גליד פון די האנט, און דאס צווייטע מאל האבן זיי זיך נאר געוואשן ביז צום סוף פון די פינגער וואס זענען באהאפטן צו די האנט, און דערנאך אויף דעם זעלבן אופן אויף די לינקע האנט. דערנאך האבן זיי געגאסן נאכאמאל נאר אויף די רעכטע האנט. דערנאך האבן זיי צוזאמען געריבן ביידע הענט און אויף געהויבן די צוויי הענט און געמאכט די ברכה, און דערנאך האבן זיי אפגעווישט די הענט. **דרכי חיים ושלום אות רע"ו**

## על נטילת ידים

**מיר** מאכן די ברכה מיט דעם לשון 'על נטילת ידים', וואס מיינט אויפהייבן די האנט אויף ארויף, און נישט 'על רחיצת ידים' וואס מיינט וואשן די הענט, ווי עס שטייט דאס לשון אין פסוק וַיְנַטְּלֵם וַיְנַשְּׂאֵם [ישעי' ס"ג]. אויך כדי צו מרמז זיין דערמיט אז אלעס וואס מיר פארמאגן איז גארנישט פון זיך אליין, נאר אלעס איז צו פארדאנקען השם יתברך.

**דאס** קען זיין דער טעם וואס עס שטייט פון אריה"ק ז"ל, אז מען זאל אויפהייבן די הענט אנטקעגן דעם קאפ כדי מען זאל ממשיך זיין די השפעה פון הימל, ווייל דורך דעם וואס מען הייבט אויף די הענט אויף ארויף צייגט דאס אז אלעס וואס מען פארמאגט איז נאר פון השם יתברך אין הימל. דעריבער באצאלט השם יתברך מדה כנגד מדה אז עס קומט אן השפעה וואס איז מסוגל אויף רייכקייט.

**הגדה אש דת אוז'רוב**